גליון שפ"ד

פ׳ ויקרא תשפ"ה לפ"ק

מרומם זיין
עבודת התפלה
וקדושת ביהמ"ד
מיט די "הייליגע
קבלה" נישט
צו רעדן ביים
דאווענען

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# דער האַרץ-רייסנדער בריוו; די פעסטע קבלה; די שווערע ווייטאָג; די וואונדערליכע ישועה

**אַ טייערער יונגערמאַן פון בית שמש שילדערט וויאַזוי ער האָט זיך אונטערגענומען אַ קבלה לזכות רפואת ר׳ חזקי׳ יוסף פאלמאן ע"ה, און צום סוף איז ער אַליין אויפגעראָכטן געוואָרן מיט אַ לעכטיג קינד נאָך 10 יאָר וואַרטן**

**הרב** יוסף קדיש, א תושב אין בית שמש, דערציילט אַ וואונדערליכער סיפור ווי פאָלגנד:

איך וויל דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט מיט מיר עטליכע יאר צוריק.

איין טאג בין איך אריין אין א ביהמ"ד און געזען אויפן לוח המודעות הענגען דעם זייער התרגשות׳דיגן מכתב פון **הר"ר חזקי׳ יוסף פאלמאן ע"ה**, וועלכער איז דאן געלעגן על ערש דוי, ער איז געווען זייער נישט געזונט נאך וואס מען האט אַנטדעקט ביים אים די ביטערע מחלה ל"ע.

איך האב זיך גוט געקענט מיט דעם איד. ער איז געווען א זון פון הגאון הצדיק **רבי שלום בנציון פאלמאן זצ"ל**, רב קהילת **נחלת משה** און מחבר ספרי **שלמי תודה**. אלס אן איינוואוינער פון בית שמש איז מיר אויסגעקומען זיך צו באגעגענען מיט אים אסאך מאל, און מיר האָבן געהאַט אַ נאָנטן שייכות [להבחל"ח].

*

אינעם האַרץ-רייסנדע בריוו, וואס האָט בשעתו אויפגערודערט די אידישע וועלט [ווי אויך איז עס געווען אָפּגעדרוקט דא אין 'נקדישך' פ׳ בשלח תש"פ], שילדערט דער ר׳ יוסף זיין שרעקליך שווערן מצב, און פון קראנקן-בעט האט ער אפעלירט, און זיך געבעטן ביי אידישע קינדער פון טיפעניש פון האַרצן, זיי זאָלן זיך פאָרנעמען די קבלה נישט צו רעדן ביים דאַווענען.

יענער נשמה-צערייסנדער בריוו האָט זיך געליינט ווי פאָלגנד:

'מיר האלטן אלע מיט די שווערע מצבים וואס פלאָגן לעצטנס כלל ישראל, ווען אזויפיל אידן מוטשען זיך מיט צרות און פראבלעמען, און מען הערט ליידער אזעלכע שווערע בשורות וואס פארקלעמען אידישע הארץ. עס איז א בחינה פון 'אין לך יום שאין קללתה מרובה מחברתה' אין אזויפיל אידישע שטיבער.

'אויך אין מיר האט בעוונותי הרבים פוגע געווען דער יד ה׳. איך בין באטראפן געווארן פון דער ביטערער מחלה, ה"י, און איך בעט בתפילה ובתחנונים ביים בעל הרחמים אז ער זאל מיר אָפּשוינען, און שיקן א גאַנצע רפואה פאר מיין גוף און נשמה.

'פון מיין קראנקן-בעט ווענד איך זיך צו אייך אלע מיט א בקשה: **האטס רחמנות אויף מיר און אויף די פילע חולי עמך ישראל, זייט מקבל אויף זיך די איינע זאך כדי אראפצונעמען דעם חרון אף ה׳, נישט צו רעדן בשעת׳ן דאוונען און בשעת קריאת התורה, כאטש פאר פערציג טעג.** זאגט ארויס אז דאס זאל זיין א זכות פאר חזקיהו יוסף בן שרה פייגא לרפואה שלימה בתוך שאר חולי ישראל׳.

*

אָבער איך וויל זיך דאָ באַציען צו דעם צווייטן חלק

המשך אויף עמוד ב׳

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בענייני תפלה

**אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה׳**

**א** איד קען ברענגען א ראי׳ אויף די קדושה וואס עס איז דא אין אים, פון א בהמה וואס ווערט קודש קדשים בלויז דורך זיין דיבור, דאס ווייזט אז א מענטש איז הייליג, און זיין דיבור איז הייליג, קל וחומר ביי דיבורי תורה ותפילה.

דאס איז די פסוק מרמז **'אדם כי יקריב מכם'**, אז א איד וויל זיך דערנענטערן צום באשעפער **'מן הבהמה'** - זאל ער נעמען א באווייז פון די בהמה, וואס דורך זיין דיבור באקומט עס א קדושה, **'תקריבו את קרבנכם'** - דאס וועט אים דערנענטערן צום באשעפער.

(תפארת שלמה)

## סוֹד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק **האמרי חיים מוויזניץ** זי"ע
ט׳ ניסן תשל"ב

**כשדברו עם רבינו אודות אנשים המדברים בשעת התפילה, אמר:**

**"מען זאל מיר נאר זאגן, איך וועל אים הייסן ארויסגיין. איך בין בטבע נישט קיין פחדן, איך דערשרעק מיך נישט אפילו איך וועל בלייבן אן מנין!"**

(קובץ אור המאיר ניסן תשד"ם)

## נֹעַם שִׂיחַ

דבר המערכת • הרב ב. צ. הירש

# דער שעפּסל ביים בעט

כלל ישראל גרייט זיך צום הייליגן יו"ט פסח. בשעת'ן רעדן צו די תלמידים איבער די גרויסקייט פון 'שבת הגדול', איז אויפגעקומען אין געדאנק, וואס איז טאקע פשט אז מ'האט צוגעבונדן א שעפּסל צום בעט?

בדרך צחות קען מען אפשר זאגן אז ס'איז א שטיקל רמז מענייני דיומא. כידוע איז כלל ישראל עוסק מיט די הכנות צום הייליגן יו"ט הבעל"ט יומם ולילה. און אמאל איז גאר דער עיקר עבודה ביינאכט, בפרט ביי משפחות וואו ס'זענען נאך דא קלענערע קינדער, און ערשט ווען זיי לייגן 'די רעכטע הענט אויף די אויגן', קען מען זיך רואיג נעמען צו די עבודה. אזוי אויך זענען דא געוויסע בחורים וואס האבן זייער ליב צו לערנען בלי הפסק ביזן צאת הכוכבים, און ערשט דעמאלס ארויפשארצן די ארבל, און ס'ציט זיך אריין אין שפעטע נאכט שעות.

ווען ס'קומט צופרי, איז יתכן אז דער "יתגבר כארי" ווערט א שטיקל נסיון. פון 'קריאת שמע' דארף מען דאך נישט רעדן, ס'איז דאך נישט שייך אז מ'זאל זיך לייגן שלאפן אן א זיכערע מהלך וויאזוי מ'וועט קענען אויפשטיין, און מקיים זיין דעם דאורייתא בעתו ובזמנו, אבער ביי 'זמן תפילה' קען מען אמאל טראכטן אז מ'האט דאך א כלל 'העוסק במצוה...'

אולי קען מען זאגן בדרך צחות, ווען דעם האט מען צוגעבונדן דעם שעפּסל צום בעט, אז ער זאל מאכן אביסל גערודער מָה, מֶע, און דערמאנען דעם איד: "ר' איד, ס'איז טאקע דא אסאך הכנות אויף יו"ט, מ'דארף טאקע מקריב זיין דעם קרבן פסח, ס'איז אבער אויך דא א 'קרבן תמיד' וואס מ'דארף מקריב זיין אין צייט!..."

היינט צוטאגס אז מיר האבן נישט קיין שעפּסל, וואלט מען אפשר געדארפט צובינדן א וואקיום קלינער מיט א באש מיקסער, אז א שעה פארן דאווענען זאל עס אנהייבן מאכן גערודער...

*

**מ'זאגט** נאך פונעם הייליגן חתם סופר זי"ע אויפן פסוק 'את קרבני לחמי לאשי'. דער אויבערשטער זאגט 'את קרבני', ס'איז מיין קרבן. 'את לחמי', ס'איז מיין ברויט. אבער וואס קענט איר אידן טון? 'להקריב לי במועדו' - זיך אנשטרענגען מקריב צו זיין אין צייט און דאווענען פארן סוף זמן תפילה.

דער משנה ברורה ברענגט (סי' פט, סק"ה): 'תפילת השחר הוא נגד קרבן תמיד, 'ולעולם לא איחרו' אותו מלהקריב לאחר שליש היום'. שפעטיגן מיטן תירוץ ווייל איך בין געווען פארנומען ביינאכט, איז לכאורה נישט גענוג סיבה אויף צו שפעטיגן א קרבן פארן באשעפער שזמנה קבוע.

לאמיר זיך פארשטעלן אז מ'זוכט דעם כהן וואס האט געדארפט מקריב זיין דעם 'קרבן תמיד' ואיננו, וואס איז? ער איז פארשלאפן ווייל ער האט געקוועטשט טרויבן און מאראנצן ביז נאך חצות הלילה... אדער ווייל ער האט געמאכט היימישע פאטעטע סטארטש...

זיך נישט מישן פסח איז א שטארקע חומרא, אבער דאווענען פארן 'סוף זמן תפילה' איז א בפירוש'ע שו"ע, 'וירא שמים מקיים ידי שניהם', מען שטופט נישט אוועק איינס פארן צווייטן, אפילו ס'איז נישט לייכט!

אפילו איינער רייבט בענקלעך און ווענט, וואס ער איז מקיים דעם 'תשביתו' דאורייתא, אדער ער באקט מצות צו קענען מקיים זיין דעם 'בערב תאכלו מצות', טאר עס נישט זיין אויפן חשבון וואס חז"ל האבן דאס ממש צוגעגליכן צו זיין קרבן תמיד. אן אונס שינה קען זיך מאכן ביי יעדעם, אבער אז גאנץ 'בין הזמנים' זאל זיין איין גרויסער אונס, איז א צריך עיון גדול...

מיר זעען אין חז"ל, אז אמירת קרבנות איז נישט סתם א געזאגעכץ, עס איז ממש במקום שעכטן די קרבנות: דער מג"א שרייבט אז 'מען זאל עס זאגן שטייענדיג, אזויווי ביים מקריב זיין די קרבנות'. אין א געוועגליכע ערב פסח זאגט מען נישט קיין 'מזמור לתודה', ווייל מיטן זאגן איז עס טאקע כאילו הקריב קרבן! (בשנה זו, אומרים אותו בער"ש).

ממילא אין די טעג, אז מ'שטרענגט זיך אן צו טון אלע הלכות און חומרות פונעם יו"ט, שטרענגט מען זיך אויך אן אויף די שו"ע, דאווענען מיט ישוב הדעת פארן סוף זמן תפילה, אזוי מאכט מען די ריכטיגע הכנה צום יו"ט בשלימות.

*

**איין** טאג ביי א סוף זמן תפילה מנין, איז דער בעל תפילה געווען גאר אן איש מכובד, ער האט געדאווענט בקול ובחיות, ס'איז באמת געווען א געשמאקע פסוקי דזמרה. קורץ נאכן אנהייבן 'אז ישיר' האט ער פרובירט אויסצופירן, און ער האט ממש געדארפט איבערשרייען דעם ציבור.

נאכן דאווענען האט ער זיך מתוודה געווען: "כ'האב געזען אויפן זייגער אז ס'איז שפעט, האב איך געמוזט אפזאגן 'אז ישיר' בחפזון, כדי נישט צו פארפאסן דער זמן תפילה".

א בעל תפילה דארף טאקע 'וויסן' דער זייגער, אבער נישט 'דאווענען פארן זייגער...' די משנה זאגט 'אל תעש תפילתך קבע אלא תחנונים', אויב שטעלט מען זיך דאווענען ממש אין דער לעצטער מינוט, אז מען זאל זיך נישט קענען ערלויבן א האלבע מינוט לענגער פסוקי דזמרה, שטימט דאס נישט מיט דער צוגאנג פון אן אמת'ער תפילה. תפילה מיינט 'דביקות', אויב מ'דארף זיך יאגן, ס'איז נישט דא קיין צייט פאר גארנישט, איז דאס א חסרון אין תפילה...

ביי הלכות פסח זעט מען אז 'אדם טועה שעה אחת', דעריבער האבן חז"ל צוגעלייגט זמנים פון 'אכילת חמץ' און 'שריפת חמץ', כדי מ'זאל נישט בטעות פארשפעטיגן ח"ו. ס'איז נישט כדאי זיך צו פארלאזן ממש אויפן לעצטן מינוט, 'החכם עיניו בראשו' צו קומען צום מנין אין צייט, און מקריב זיין דעם קרבן כראוי וכיאות בעתו ובזמנו!

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

המשך פון עמוד א'

פון יענעם בריוו, וואָס דאָס האָט אַ שייכות צו מיין פערזענליכע מעשה.

דער אומפאַרגעסליכער ר' חזקי' יוסף האָט דאָרט אָפּגעשריבן אַ זייער פּחד'יגע איבערלעבעניש מיט אַ חלום וואָס ער האָט געהאַט. פאָלגנד ציטיר איך פון זיין בריוו [איבערגעזעצט אויף אידיש]:

'איך וויל אייך מיטטיילן א חלום וואס איך האב געהאט לעצטנס, איין נאכט אין חודש חשון. אין חלום הער איך אן אומבאקאנטער קול וואס זאגט מיר: **'יאסי, זע צו מחזק זיין דעם ענין פון נישט רעדן בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה. פאר יעדן איינעם איז דא אן אויפגאבע אויף דער וועלט. אויף דיר ליגט אט-דער פליכט אויפצוטון אינעם ענין פון 'מורא מקדש'**.

'דעם אנדערן אינדערפרי בין איך אויפגעשטאנען און געפירט א געוועגליכן סדר היום ווי אלעמאל. דער חלום? דאס האט מיר נישט צופיל באנומען. מיר ווייסן דאך אז חלומות שוא ידברו. אַ וואָך שפעטער איז מיר אויסגעקומען צו נעמען אין האנט דעם גליון 'איש לרעהו', און צו מיין ווואונדער זע איך דארט א מעשה פון א איד וואס האט אויך געהאט אזא ענליכע חלום, ווי מען האט אים געבעטן אז ער זאל זען צו טון אין דעם ענין, מעורר זיין אידן נישט צו רעדן ביים דאווענען און קריאת התורה.

'דער איד דערציילט דארט אין יענעם גליון, אז א צייט שפעטער איז ער געווארן דיאגנאזירט מיט דער ביטערער מחלה רח"ל. ער האט זיך מתבונן געווען אז עס איז דא שייכות צווישן דעם חלום און דער מחלה, דעריבער האט ער געטון למעשה, און צוזאַמגענומען חתימות פון 770 מענטשן, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען אז זיי וועלן נישט רעדן בשעת'ן דאווענען און קריאת התורה. עס איז דורכגעגאנגען א שטיק

המשך אויף עמוד ו'

# כְּגַוְנָא (א)

## ווערט האט מתקן געווען צו זאגן כגוונא?

דער מנהג פון זאגן 'כגוונא' איז איינגעפירט אין אלע חסידי'שע מקומות, און שטאמט פון די גאר פריע צייטן פון התפשטות החסידות.

אין פריערדיגע מקורות ווערט געברענגט א מעשה (מחזור רבי"ה כתב יד, נדפס בקובץ צפונות, גליון טז) אז אמאל איז דער **בעל שם הק'** אנגעקומען אין א געוויסן דארף ערב שבת קודש, און ער האט נישט געהאט קיין צען מענטשן צו דאווענען מעריב, האט ער דעמאלס געזאגט דעם נוסח פון 'כגוונא' וואס שטייט אין **זוהר הק'** אין פרשת תרומה (דף קלה), וויבאלד דער מאמר ענדיגט זיך מיט די ווערטער **'כדין שירותא דצלותא לברכא לה בחדוא בנהירו דאנפין ולומר ברכו'** וכו', כדי צו קענען זאגן ברכו.

אין "ילקוט אוהב ישראל" ווערט געברענגט בשם **הגה"ק רבי שמעון מזעליחוב זצ"ל** אז דער **בעל שם טוב הק'** האט געזאגט, אז צוויי זאכן האט **רבי אליהו בעל שם** מתקן געווען, איינס איז צו זאגן דעם זוהר פון 'כגוונא' פרייטאג צונאכטס, און די צווייטע צו זאגן 'לדוד ה' אורי' במשך די חדשי אלול און תשרי.

האט דער בעל שם טוב דערציילט, אז אמאל האט זיך רבי אליהו בעל שם באנוצט מיט כוחות פון דער צד הטומאה, כדי צו ראטעווען כלל ישראל פון א שווערע גזירה וואס האט געהיערט אויף זיי, און פון הימל האט מען צוליב דעם געוואלט מאבד זיין זיין נפש רוח און נשמה, וויבאלד ער האט גענוצט די כוחות פון די סטרא אחרא. אבער וויבאלד ער האט עס געטון לשם שמים און מיט מסירת נפש צו ראטעווען אידישע קינדער, האט מען אים נישט מעניש געווען, נאר מען האט גוזר געווען אז עס זאלן נתבטל ווערן די צוויי עניינים וואס ער האט מתקן געווען צו זאגן.

האט רבי שמעון ממשיך געווען: אז אמאל איז דער מגיד פון מעזריטש אריינגעקומען אין בית מדרש, און גערופן זיינע תלמידים. פאר א חלק פון זיי האט ער געהייסן אז זיי זאלן זאגן די תפילה פון כגוונא בליל שב"ק, און פאר א חלק האט ער געהייסן זאגן 'לדוד ה' אורי' אין חדשי אלול און תשרי. דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** זי"ע איז געווען פון די וועלכע האבן געזאגט 'לדוד ה' אורי', און דער **אפטער רב זי"ע** איז געווען פון די וועלכע האבן געזאגט 'כגונא'.

*

## כגוונא ווערט אריינגעדרוקט אין די סידורים

**אין** די ערשטע דורות פון חסידות איז נאך טאקע נישט געווען אפיציעל איינגעפירט צו זאגן 'כגונא', און מען טרעפט טאקע נישט די תפילה אין די ערשטע סידורים פון יענע צייטן ווי למשל אין דער 'סידור האריז"ל' וואס איז געדרוקט געווארן אין יאר ת"ק, און די תלמידי בעל שם פלעגן דערין דאווענען.

די ערשטע סידור וואו מען טרעפט אריינגעדרוקט די תפילה איז אינעם סידור פונעם מקובל **רבי אשר מרגליות** פון די חכמי הקלויז אין בראד, וואס איז געדרוקט געווארן אין יאר תקמ"ח אין לעמבערג, און איז באקאנט אלס 'רבי אשר'ס סידור'. דארט שטייט: **'יש לומר קודם ברכו מאמר זה והיא בזוהר פרשת תרומה דף קלה ע"א'**.

זעקס יאר שפעטער, בשנת תקנ"ד, איז געדרוקט געווארן דער בארימטער חסידי'שער סידור 'סידור רבי שבתי' פון **הרה"ק רבי שבתי מראשקוב זי"ע** וואס איז געדרוקט געווארן אינעם חסידי'שן בית דפוס אין קאריץ, וואו מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך: צווישן דף מ"ה און דף מ"ו איז נאכאמאל דא א דף מ"ו, וואו עס איז אריינגעדרוקט דעם קאפיטל פון 'הודו' און 'כגונא'.

פון דעם וויל מען אויפדרינגען אז דער סידור איז קודם געדרוקט געווארן אן די צוויי תפילות, נאר שפעטער ווען עס איז מער נתפרסם געווארן דאס זאגן 'הודו' פרייטאג צונאכטס - וואס דער בעל שם טוב האט איינגעפירט, ווי אויך אמירת כגוונא, האט מען צוגעלייגט אין א פרישן בלאט אינעם סידור.

אינעם זעלבן יאר, תקנ"ד, איז געדרוקט געווארן דער ספר 'דרכי ישרים' מיט די תפילות און הנהגות פון **הרה"ק ר' מענדל מפרעמישלאן זי"ע**, א תלמיד פונעם בעל שם הק' און דער מגיד פון מעזריטש, וואו עס איז אויך געדרוקט דעם כגונא. כאטש דער סידור איז טאקע געדרוקט געווארן בשנת תקנ"ד, אבער וויבאלד עס שטייט דארט די מנהגים פון רבי מענדעלע מפרעמישלאן וועלכער איז שוין נסתלק געווארן אין יאר תקל"א, זעט מען אז דעמאלס איז עס שוין געווען אנגענומען ביי טייל פון די תלמידים פונעם מגיד.

*

## ביי די גדולי החסידות

**ווי** פריער דערמאנט האט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע נישט געזאגט כגוונא פרייטאג צונאכטס. אין ספר 'החכמה מאין' ווערט געברענגט א סיפור, אז אמאל איז רבי ר' אלימלך געווען אויף שבת אין לאנצוט, בשעת זיין גרויסער תלמיד דער רבי פון לובלין האט דארט געוואוינט, און דער לובלינער איז געווען מסופק וואס ער זאל טון, ווייל זיין רבי פלעגט עס נישט זאגן, אבער ער אליין פלעגט יא זאגן. צום סוף האט ער עס יא געזאגט, און דער רבי ר' אלימלך האט צוגעשטימט דערצו.

**הרה"ק רבי יצחק אייזיק מקאמארנא זי"ע** האט דערציילט, אז ווען ער איז געווען א קינד פון ניין יאר, האט אים זיין פאטער גענומען צום רבי'ן פון לובלין, און זיין פנים האט געברענט ווי פאקלען: **'ובעת שפתח הדלת לומר 'כגונא', ראיתי אש מלהטת על ראשו ואור נפלא'** (היכל הברכה, בהקדמה לפרשת במדבר).

אמאל איז **הרה"ק רבי אהרן מקארלין זי"ע** געווען אויף שבת אין א דארף 'הארחוב', וואס געפינט זיך נעבן דאבראוויץ, און עס האבן זיך איינגעזאמלט ארום זעקס הונדערט חסידים פון די ארומיגע שטעט. דער בית אהרן איז צוגעגאנגען צום עמוד צו קבלת שבת, און ווען דער ציבור האט געענדיגט זאגן 'כגונא', און דער רבי האט נאכנישט געהאט געענדיגט האבן זיי נאכאמאל אנגעהויבן זאגן דעם שטיקל, און ווען דער רבי האט געענדיגט און דער ציבור האט נאך געהאלטן אינמיטן, האט ער אנגעהויבן נאכאמאל 'כגונא', אזוי האט זיך עס איבערגע'חזר'ט דריי מאל, און ביים דריטן מאל האבן זיי זיך שוין אויסגעשטערקעט אויף דער ערד פאר גרויס דביקות און ברען (פרי ישע אהרן, עמוד קנב).

*

## אזויווי ביי נעילה

דער **קרעטשניפער רבי זי"ע** האט דערציילט, אז ביי זקינו **הרה"ק רבי מרדכי מנאדווערנע זי"ע** און ביי **הרה"ק רבי מאיר'ל מפרעמישלאן זי"ע** איז די אמירת כגוונא געווען אזויווי שמע ישראל ביי נעילה. מען האט געשריגן 'קודשא בריך הוא אחד' מיט קולי קולות, ביז דאס גאנצע בית המדרש האט געציטערט.

ער האט ערקלערט: נישט אז רבי מרדכי'לע האט געזאגט פארן עולם צו שרייען, נאר ער האט אויפגעהויבן דעם ציבור אזוי הויעך, אז ווען זיי האבן געזאגט 'קודשא בריך הוא אחד' זענען זיי בכלל נישט געווען ביי זיך!

*

ווען **הרה"ק רבי שלמה לייב מטיטשין זי"ע** איז אנגעקומען צו די ווערטער 'ואתעטרת לתתא בעמא קדישא' פלעגט ער פרעגן אויף אידיש "ווער איז די עמא קדישא?" און דער ציבור האט געענטפערט אז די אידן זענען די עמא קדישא. האט ער געזאגט: "אויב אזוי, פארוואס זענען זיי אזוי צעקלאפט און געפייניגט, און זיי מאכן נעבעך מיט אזויפיל יסורים?" די ווארעמע ווערטער האבן געשפאלטן הימלען און אריינגעגאנגען לחדרי בטן, און דער צדיק האט מליץ טוב געווען אויף כלל ישראל.

כ"ק אדמו"ר **מדינוב** שליט"א

# דאס חשיבות פון תפילה ווען מען זעט נישט די ישועה

## לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו

עס שטייט אין **קדושת לוי** (פרשת שמות), אז דער גרעסטער תענוג וואס מען קען טון פארן אויבערשטן איז, אז מען איז מתפלל אפילו ווען מ'זעט נאכנישט די ישועה; אויף דעם קען מען זאגן במלוא מובן המלה '**לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו**'.

מען זעט ביי משה רבינו, ער האט געדאווענט תקט"ו תפילות, כמנין 'ואתחנן', דעמאלס האט דער אויבערשטער געזאגט (דברים ג, כו): '**אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה**', און עס איז געבליבן די גזירה אז משה רבינו וועט נישט אריינקומען קיין ארץ ישראל.

לכאורה, דער אויבערשטער האט דאך אלעס געוואוסט פריער, און ס'איז נישט געווען קיין שאלה צי די תפילות פון משה רבינו וועלן מבטל זיין די גזירה, און מ'קען זיך פארשטעלן וויאזוי א תפילה פון משה רבינו האבן אויסגעזען, אויב אזוי, ווען משה רבינו האט אנגעפאנגען צו דאווענען וואלט דער אויבערשטער געדארפט זאגן: "משה, עס איז א שאד דיין דאווענען, ווייל דו וועסט ממילא נישט קענען אנקומען קיין ארץ ישראל, אפילו דו וועסט דאווענען טויזנט תפילות, ווייל דאס איז די גזירה". פארוואס האט ער אים געלאזט דאווענען אזויפיל תפילות?

זאגט דער קדושת לוי פשט, אז די אלע תפילות, אפילו עס האט נישט גע'פועל'ט די מטרה אז משה רבינו זאל אנקומען קיין ארץ ישראל, אבער 'יעדע תפילה' איז מקויים געווארן 'לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו', **ווייל דאס איז דער גרעסטער תענוג ביים אויבערשטן, אז מ'איז מתפלל**.

*

## ווער איז חשוב'ער?

**דאס** הייסט אזוי: ווען עס זענען דא צוויי מענטשן וואס דארפן האבן א ישועה, איינער ווערט געהאלפן גלייך - אינעם גדר פון 'טרם יקראו ואני אענה', אדער אפילו ווען ער איז שוין אין די צרה, אבער עס איז כאטש 'יענך ה' ביום צרה'. ווידער א צווייטער דאווענט און דאווענט, און מ'זעט נישט גלייך די ישועה.

וואס וואלט מען ווען געזאגט? אז דער ערשטער וואס זיין תפילה ווערט אנגענומען אזוי שנעל, איז אסאך חשוב'ער ווי דעם צווייטן, והא ראיה, געב א קוק, זיין תפילה ווערט גלייך אנגענומען.

אבער לויטן קדושת לוי איז נישט אזוי! קען זיין אז דער ערשטער האט געדאווענט, און דער אויבערשטער האט אנגענומען זיין תפילה, אבער פון דעם זעט מען נאכנישט אז דער אויבערשטער האט אזא הנאה און תענוג פון זיין תפילה, משא"כ דער צווייטער, אמת, ער איז נישט גלייך געהאלפן געווארן נאך נאך אסאך תפילות, אבער עס קען זיין אז ער שטייט אסאך חשוב'ער ווי דעם ערשטן.

דער אויבערשטער האט אים געלאזט דאווענען איינמאל, צוויי מאל, און דריי מאל, דער אויבערשטער האט אים מיט דעם געוויזן אז דו טוסט מיט דעם א גרויסן תענוג און נחת, און קען זיין אז דער צווייטער וואס איז נישט געהאלפן געווארן תיכף איז גאר חשוב'ער ווי דעם ערשטן!

*

## א לימוד פון רבקה אמינו'ס תפילות

**דאס** איז פשט וואס מען זעט ביי יצחק אבינו. 'ויעתר לו', זאגט רש"י, 'לו ולא לה'. לכאורה איז דאך א גרויסער פלא, אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז על פי יושר וצדק. יצחק אבינו האט שוין געהאט זיין אויסגעטראטענעם וועג פון זיין טאטן.

אבער רבקה אמינו איז געווען א בת רשע, אחות רשע, ומקומה רשע, און פאר איר איז געווען זייער זייער שווער אנצוקומען צו די גרויסע מדריגה. מיר ווייסן אז אברהם אבינו איז געווען טפל לשרה בנביאות, פונדעסטוועגן שטייט א מורא'דיגע זאך: אויפן פסוק 'הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ' זאגט רש"י, איינמאל זי איז געקומען צום אוהל פון שרה, נעשית דוגמת שרה, אלעס וואס איז געווען ביי די מאמע שרה, איז געווען ביי רבקה, ברכה מצויה בעיסה, נר דלוק מערב שבת לערב שבת, ענן קשור על האוהל. אלעס איז געווען ביי די מאמע רבקה.

ממילא איז דאך א גרויסער פלא, יצחק האט געדאווענט, און רבקה האט געדאווענט, ויעתר ה' לו, ולא לה? וואספארא מין יושר איז דאס?

אבער לויט ווי געשמועסט איז זייער פארשטענדליך, יא, לו ולא לה! אינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע. ווייל א צדיק בן צדיק וואס האט זיך נישט געדארפט אזויפיל פלאגן, אוודאי אז ער איז א צדיק, ה' אוהב צדיקים, האט דער אויבערשטער גלייך אנגענומען זיינע תפילות. אבער א צדיק בן רשע, זיינע תפילות זענען אסאך חשוב'ער, זיי טוען אסאך מער תענוג ונחת פארן אויבערשטן, ממילא, ויעתר ה' לו, גלייך, ולא לה.

ס'מיינט נישט אז איר תפילה איז נישט אנגענומען געווארן, נאר זי האט געדארפט בעטן איינמאל, צוויי מאל און דריי מאל, ביז אירע תפילות זענען אנגענומען געווארן, ווייל דער אויבערשטער האט אזוי מחשיב געווען אירע תפילות, ווייל ווי קען א צדיק בן צדיק מיט זיינע תפילות זיך פארמעסטן מיט די תפילות פון א צדיק בן רשע, וואס זיינע תפילות זענען אסאך חשוב'ער און אסאך העכער.

*

## אויסשניצן טייערע דיאמאנטן

**דער** גרעסטער תענוג ונחת ביים אויבערשטן איז תפילה. אבער, ווען איינער וויל געבן א מתנה פאר א גרויסן מלך, ער ווייסט אז דער מלך וועט האבן פון דעם גרויס פארגעניגן, און ער נעמט די מתנה און ער וויקלט עס איין מיט א 'צייטונג פאפיר', איז ער דאך מבזה די מתנה. אזא מתנה דארף מען איינוויקלען אין גאלד, אין זילבער.

דאס זעלבע איז ביי תפילה. נישט נאר די 'עבודה שבלב', די פנימיות הלב, דארף זיין שיין, נאר די חיצוניות אויך. אז מען שטעלט צו א דאווענען איז מען מכבד דעם ביהמ"ד, מ'איז מכבד די תפילות, און מ'זוכט ווי ווייט מעגליך צו מכוון זיין, איז דאס וואס דער קדושת לוי זאגט אז מיט די תפילות פארשאפט מען א נחת רוח פארן אויבערשטן.

ס'איז פונקט אזוווי ס'איז דא א 'דיאמאנט' וואס מ'האט נישט אויסגעשניצט, און ס'איז דא א דיאמאנט וואס מ'האט גאר שיין אויסגעשניצט. ס'איז אינו דומה.

די ווערטער פונעם סידור זענען 'דיאמאנטן', און אז מ'דאווענט ווי עס דארף צו זיין, איז עס הערליך שיין 'אויסגעשניצט'.

המשך אויף עמוד ז'

---

### אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

#### כח תפילה בציבור

**תקריבו** את קרבנכם, וברש"י שבא נדבת ציבור היא עולת קיץ המזבח, וי"ל שבא לרמז דהמתפלל ביחידות, בוחנים אם תפילתו ראויה להתקבל, אבל בציבור שהוא עת רצון, גם התפילה שאינה בשלימות, נתקבל כשאר התפילה של הציבור... כמו כן תפילה בציבור, קל כביר לא ימאס, וזה כוונת הקרא, מלמד שבא נדבת ציבור, רומז לתפילה בציבור, כי עכשיו שביהמ"ק חרב, ובטל התמיד, עכשיו התפילה בציבור הוא במקום הקרבנות, ובפרט תפילה בציבור. (דברי ישראל - מאדזין)

---

### וַיַּשְׁמִיעֻנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

#### קביעות מקום לתפילה סגולה נגד המקטריגים

**התפילה** היוצא מפי האדם מוכרח לילך עד שער השמים, והנה כל חלל העולם מלא מזיקין וקליפות, והתפילה ההולכת יש לה מקטריגים שלא להניחה ללכת למעלה, אבל קביעות מקום בבית המדרש הוא 'סגולה' לזה, והטעם שזה קובע רגילות לעליית התפילה והתורה בכל יום, ונעשה מכאן מסילה ישרה נגד הקליפות, והתפילות עולים בלי עיכוב. (בני יששכר - מגיד תעלומה).

עבודת התפילה
אצל הרה"ק מרן
רבי מרדכי מנעשכיז
זיעועכי"א
נפטר ח' ניסן תק"ס

## דער פראפעסאר פון אניפאלי

**א** איד איז אמאל געקומען צו הרה"ק ר' מרדכי'לע נעשכיזער זי"ע, און אים געפרעגט אן עצה קעגן א שווערע מחלה אויף וואס ער האט געליטן ל"ע. דער רבי האט אים געפרעגט, אויב ער איז שוין געווען ביי א דאקטער, האט דער איד געענטפערט אז ער איז שוין געווען ביי עטליכע דאקטוירים, און קיינער האט אים נישט געהאלפן, האט דער צדיק געפרעגט, און ביים פראפעסאר (דאקטאר) פון די שטאט אניפאלי זענט איר שוין אויך געווען? האט דער איד געזאגט, ניין. האט דער צדיק געזאגט, אז ער זאל גיין צום פראפעסאר פון אניפאלי, און דארט וועט ער טרעפן א רפואה פאר זיין מחלה.

דער איד האט גענומען דעם וואנדער-שטעקן, כאטש ס'איז געווען זייער א שווערער און א ווייטער וועג, און איז ער געפארן קיין אניפאלי, אבער ווי פארוואונדערט איז ער געווארן ווען ער האט געהערט אז אינעם קליינעם שטאט אניפאלי איז אפילו נישט דא קיין פשוט'ער דאקטער, ווער רעדט נאך פון א גרויסער פראפעסאר.

האט דער איד געפרעגט די מענטשן, צו וועם ווענדט מען זיך ווען איינער דארף א דאקטער, האבן די שטאט מענטשן געענטפערט, מיר ווענדן זיך פון טיפעניש פון הארץ צום איינציגן באשעפער אין הימל, און ער העלפט אונז ארויס.

האט דער איד פארשטאנען פארוואס דער רבי האט אים געשיקט קיין אניפאלי, ווייל פונעם עיקר האט ער פארגעסן, כאטש די תורה האט געגעבן רשות פאר א מענטש צו גיין צו א דאקטער, אבער דער עיקר איז מתפלל זיין צום הייליגן באשעפער.

דער איד האט געכאפט דעם רמז, און זיך געשטעלט דאווענען מיט גרויס כוונה פון טיפן הארצן, אז דער אויבערשטער זאל שיקן א רפואה פאר זיין זון, און ביז אפאר טעג איז ער טאקע געקומען דערציילן פארן רבי'ן די פרייליכע נייעס, אז דער 'גרויסער פראפעסאר' האט אויסגעהיילט זיין קינד, און ער איז געווארן אינגאנצן געזונט.

## תפילה הייסט השתדלות

**דער** הייליגער **מאור ושמש** ברענגט אין פרשת בשלח א ווארט בשם **הרה"ק מנעשכיז זי"ע** אויפן פסוק (דברים יד, כט): 'למען יברכך ה' אלקיך בכל מעשה ידך אשר תעשה', פון וואו מען לערנט ארויס אז מען דארף טון א פעולה פאר השתדלות, און דער אויבערשטער שיקט אריין די ברכה.

האט דער נעשכיזער געזאגט, אז תפילה הייסט אויך א מעשה, ווייל די הלכה איז דאך אז 'עקימת שפתיו הוי מעשה' (סנהדרין סה.), און מה-דאך ביי א מגדף זאגט מען אז עקימת שפתיו איז א מעשה, איז דאך מידה טובה מרובה ממידת פורעניות, דעריבער ווען מ'דאווענט, און מ'בעט דעם הייליגן באשעפער, הייסט זיכער ווי מען טוט א מעשה, און דער אויבערשטער שיקט א שפע און ברכה פון הימל.

## תחיית המתים ביי די חתונה

**הרה"ק** ר' מרדכי'לע נעשכיזער איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע צדקה וחסד, ער פלעגט שטענדיג פארטיילן צדקה פאר ארעמעלייט, אלמנות, און יתומים מיט א ברייטע האנט, מיט אן עקסטערע איבערגעגעבנקייט פלעגט ער העלפן מיידלעך יתומות, ווען א יתומה איז אלט געווארן אכצן יאר, פלעגט דער צדיק טון אלעס וואס מעגליך אז זי זאל טרעפן א געהעריגע שידוך, ער האט נישט גערוט ביז ער האט געטראפן א פאסיגן בחור א תלמיד חכם און א יחסן.

ווען דער טאטע פונעם בחור פלעגט זיך נאכפרעגן וועגן די יחוס פון די כלה, פלעגט ר' מרדכי'לע ענטפערן, איז דען פארהאן א גרעסערע יחוס פון דעם, אז הקב"ה אליין - דער טאטע פון די יתומים - איז דער מחותן.

ר' מרדכי'לע פלעגט אויסשטאפירן די כלה מיט די שענסטע קליידונג, אזויווי די עשירים, און דערנאך ביי די חתונה האט ער זיך אליין אפגעגעבן מיט אלעם, ער פלעגט אגאנצן צייט זאגן, ווען דער הייליגער באשעפער מאכט חתונה א טאכטער מעג מען זיך אנשטרענגען פאר אים, ער טוט דאך אזויפיל פאר אונז, ער היט אונז יעדע רגע.

האט איינמאל פאסירט, אז ר' מרדכי'לע האט זיך געגרייט חתונה צו מאכן א יתומה, די גאנצע שטאט נעשכיז איז געווען איינגעהילט אין א יום טוב'דיגע שטימונג, יעדער האט זיך מיטגעפריידט מיט די גרויסע שמחה פונעם רבי'ן, דעם גאנצן טאג האט ר' מרדכי'לע געשטראלט פאר שמחה, אזא זכיה גייט מען היינט האבן, דער הייליגער באשעפער מאכט חתונה זיין טאכטער.

אין יענע צייטן איז געווען דער סדר, אז ווען דער חתן פלעגט גיין אין מקוה פאר די חופה, האבן אים די מחותנים מיט אלע געסט אפגעווארט אינדרויסן מיט געזאנג און מוזיק, און ווען ער איז ארויסגעקומען האט מען אים געפירט מיט געזאנג צו די חופה.

אין יענעם טאג איז אויך אזוי געווען, יעדער איז שוין געשטאנען גרייט נעבן די מקוה, און די מוזיק האט געשפילט אויף די העכסטע טענער, אויך די קליינע קינדער פון די שטאט נעשכיז האבן זיך פארזאמלט, און זענען ארומגעלאפן לוסטיג און לעבעדיג ארום די מקוה, ווארטנדיג אז דער חתן זאל גיין צו די חופה.

אינמיטן די גרויסע טומל האט קיינער נישט באמערקט, אז א קליינער יונגעל איז אריינגעלאפן אין די מקוה זיך וועלנדיג באהאלטן פון איינעם, און האט זיך געגעבן א גליטש אריין אין וואסער רח"ל.

ווען אלע מענטשן זענען אוועקגעגאנגען פון דארט צו באגלייטן דעם חתן און די כלה צו די חופה, האט די מאמע פונעם קינד באמערקט אז איר קינד איז נישט דא, מ'זוכט אים אין אלע זייטן אבער ער איז נישט צום געפינען. עטליכע מענטשן האבן געהאלפן זוכן אין די גאנצע געגנט, מ'האט זיך נאכגעפרעגט ביי יעדן אויב מ'האט נישט געזען א קינד וואס זעט אויס אזוי און אזוי, אבער קיינער האט נישט געוואוסט צו זאגן פון אים.

די מענטשן זענען שוין צוריקגעקומען פון די חופה, און מיטאמאל הערט זיך א יאמערליכע היסטערישע געוויין, די מאמע פונעם קינד שרייט אויס הויך: 'הייליגער רבי העלף מיר, מיין קינד איז פארשוואונדן געווארן, מז'עט אים נישט אין ערגעץ'.

האט דער הייליגער צדיק באפוילן זיין גבאי, ער זאל שנעל אריבערלויפן אין מקוה, און קוקן אויב דאס קינד געפינט זיך דארט. , איבעראל האט די מאמע שוין געזוכט, אבער אין די וואסער פונעם מקוה איז איר נישט איינגעפאלן צו זוכן, דער גבאי האט אזוי געטון, ער איז שנעל צוריקגעלאפן צו די מקוה, און די מאמע גייט אונטער אים.

דער גבאי האט זיך שנעל אומגעקוקט, און אזויווי ער האט נישט געזען דאס קינד, איז ער אריינגעשפרינגען אין וואסער, און ליידער ליידער דאס ביטערע האט פאסירט, ער האט געפונען דאס קינד אן קיין צייכענעס

המשך אויף עמוד ז'

?

# מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

### זאגן אשר יצר בעפאר ברכו

**שאלה: דער וואס האלט אינמיטן דאווענען, ער האט שוין געזאגט ברכו, און ער דארף גיין אין ביהכ"ס. ווען ער קומט צוריק זאל ער זאגן דעמאלס אשר יצר, אדער זאל עס זאגן נאך שמונה עשרה?**

**תשובה**: אויב האלט ער שוין נאך ברכו, אדער אפילו פאר ברכו נאר נאך די קדיש פאר ברכו, זאל ער נישט מאכן אשר יצר ביז נאך ער ענדיגט שמונה עשרה.

אויב איז ער חושש אז ער קען פארגעסן צו זאגן אשר יצר, זאל ער מאכן א סימן צ.ב.ש. ער זאל האלטן אפן א סידור ביי אשר יצר וכדו'.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן #2

המשך פון עמוד ב' צייט, און ער איז ברוך ה' געזונט געווארן.

'ליינענדיג די מעשה האט מיר אויף א רגע א בליץ געטון אין מח, אז דאס איז ענליך צום חלום וואס איך האב געהאט. אמת, איך בין ברוך ה' געזונט, אבער אפשר דארף איך טאקע אויך טון דערין. - איך האב אבער למעשה גארנישט געטון.

*

דאָס איז אַלעס פונעם בריוו וואָס ר' חזקי' יוסף ע"ה שרייבט פון האַרצן טיפן, און ער זעצט פאָר נעבעך צו שילדערן זיין פערזענליכן מצב.

'עס איז אריבער אביסל מער ווי א חודש. אנהייב פארגאנגענעם חנוכה האָב איך געהאַט נאָך אַ חלום. יעצט זע איך מיין טאטע, דער צדיק און עובד ה' רבי בן ציון פאלמאן זצ"ל, שטייט קעגנאיבער מיר ממש ווי ווען ער האָט געלעבט, עס האט אויסגעזען כאילו ער רעדט צו מיר בחיים חיותו, און ער זאגט מיר: **'יאסי, די זאך איז נוגע פאר דיר פערזענליך, יאסי, דו דארפסט זארגן און טון פעולות לטובה, אז אידן זאלן אויפהערן רעדן אין בית המדרש בשעת'ן דאַווענען'.**

'דאסמאל בין איך אויפגעשטאנען אביסל צעמישט און דערשראקן. עס איז שוין דאס צווייטע מאל וואס איך האב אזא חלום, און יעצט איז עס געווען מיין טאטע זצ"ל אליין וועלכער האט גערעדט צו מיר. אבער אויך דאסמאל האב איך גארנישט געטון למעשה. איך האב בארואיגט מיין געוויסן, און געטראכט צו מיר אז דער חלום דארף נישט מיינען עפעס באזונדערס, מן הסתם קומט דאס בלויז ווייל איך האב אסאך געטראכט בייטאג וועגן דעם ערשטן חלום, און מיר ווייסן דאך פון חז"ל; אין מראין לאדם בחלום אלא מהרהורי ליבו;... דאָס מיינט, אז מען ווייזט פארן מענטש ביינאכט אין חלום דאס וואס ער האט געטראכט בייטאג, און דער צווייטער חלום איז ווארשיינליך א רעזולטאט און המשך פונעם ערשטן חלום.

'עס איז נישט אדורך קיין לאנגע צייט, און איך האב אנגעהויבן שפירן זייער נישט גוט. צוויי וואכן שפעטער, נאכן מאכן אונטערזוכונגען, האט מען ליידער אנטדעקט ביי מיר די ביטערע מחלה, מיט וואס איך מוטשע זיך ביז יעצט אזוי שווער.

*

און דאָ ווענדט זיך דער טייערער ר' חזקי' יוסף צו כלל ישראל:

'איך בעט אייך, טייערע ברידער! עס איז באוואוסט וואס דער פוסק הדור, **הגאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל**, האט כמה פעמים געזאגט ברבים: **די שרעקליכע פארשפרייטונג פון דער מחלה הנוראה וואס רייסט ליידער אוועק פיל קרבנות, קומט צוליב דעם וואס מענטשן זענען מזלזל אין קדושת בית המדרש! און דאס איז די סיבה וואס די תפילות האלטן זיך אפ פון ארויפקומען פארן כסא הכבוד, ווייל מען רעדט אינמיטן דאווענען!** -

און ער האט צוגעלייגט - **אז מען וועט אויפהערן שמועסן אין בית המדרש וועט די ביטערע מחלה נעלם ווערן'.**

'דעריבער, טייערע חברים, גוטהארציגע אידן די בכל אתר ואתר, וואס זעען דעם בריוו: ביטע העלפט מיר זיך ארויסזען פון מיין שווערן מצב, און זייט מקבל אלס א זכות פאר מיר, נישט צו רעדן במשך פונעם גאנצן דאוונען און קריאת התורה, און אין זכות פון דער קבלה פונעם רבים, און אין זכות פון אויספירן מיין שליחות מעורר צו זיין אידן דערצו, זאל איך, צווישן אלע חולי ישראל, האבן א רפואה שלימה אינגיכן, און צוריק אהיימקומען צו מיין משפחה געזונטערהייט'.

אָט-די געפילן-צעטרייסלנדע דיבורים, געשריבן מיט זיין כתב יד, האָט ער געענדיגט מיט די ווערטער:

**'המצפה לישועת ה', חזקיהו יוסף בן שרה פיגא'**

*

ווען דער בריוו איז ערשינען, האָט דאָס ממש אויפגערודערט און אויפגעשטורעמט אידן פון איין עק ארץ ישראל ביז דער אַנדערער. ר' חזקי' יוסף איז געווען אַ באַקאַנטער פיגור, אַ באַליבטער מענטש, אַ לעבהאַפטיגער יונגערמאַן, און דאָ זעט מען פון אים אַזעלכע שרעקליכע מורא'דיגע ווערטער.

אַ גרויסער ציבור איז דעמאָלס נתעורר געוואָרן, סיי בכלליות פון די מעשה מיטן חלום, ובפרטיות ווייל מ'האָט געוואָלט אַרויסהעלפן ברענגען אַ זכות פאַר דעם טייערן יונגערמאַן, און זיי האָבן זיך אונטערגענומען די קבלה נישט צו רעדן בשעת התפילה וקריאת התורה.

איך האָב דעמאָלס געליינט דעם בריוו, און ס'האָט ווי פאַרשטייט זיך אַריינגעשטאָכן אַ נאָדל אין מיין האַרץ, בפרט אַז כ'האָב דעם איד זייער גוט געקענט. מיין האַרץ איז מיר אויסגעגאַנגען פאַר רחמנות.

איך האב דאן געקלערט צו מיר: אמת טאַקע אַז עס איז נישט גרינג זיך אונטערצונעמען אַז מ'גייט נישט רעדן 'קיין איין וואָרט' ביים דאַווענען, ס'איז זייער שווער. אָבער געוואַלד, דאָ ליגט דאָך אַ איד קראַנק אין בעט נעבעך, ער בעט זיך מ'זאָל אים העלפן, איך קען אים העלפן. איך קען זיך אָנשטרענגען. איך גיי עס טון. איך מוז עס טון פאַר אים!

אויפן פלאַץ האָב איך באַשלאָסן, אַז איך בין מקבל אויף מיר, און איך שרייב אונטער מיין נאמען אויף דער קבלה, מיט א התחייבות גמורה שלא לדבר בתפילה ובקריאת התורה אויף לכה"פ 40 טאג. בנוסף לזה האָב איך זיך אונטערגענומען, אַז איך גיי פּרובירן אויך נאָך וואָס די 40 טאָג גייט אַריבער אָנצוהאַלטן ווייטער די קבלה.

*

ליידער ליידער זענען די שערי רחמים שוין געווען פאַרשלאָסן וכבר נגזרה גזירה. ער איז ליידער נתבקש געוואָרן לישיבה של מעלה, איבערלאָזנדיג נאָך זיך אַ צעבראָכענע צעטרייסלטע משפּחה, פאַר'יתומ'ט און פאַרעלנד.

אָבער איך האָב דעמאָלס מחליט געווען, אַז אָט-דער קבלה טובה גיי איך ווייטער אָנהאַלטן. אויב מיר האָבן אים ליידער נישט זוכה געווען אויסצובעטן, וועל איך עס אָנהאַלטן אַלס זכות לעילוי נשמתו אויף יענער וועלט.

אַזוי האָב איך טאַקע געטון. איך האָב עס ווייטער אָנגעהאַלטן, כאָטש ס'איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. אָבער כ'האָב געשפּירט אַז דאָס איז אַ דבר גדול, און איך גיי דאָס נישט אויפהערן; איך רעד נישט ביים דאַווענען!

*

אַ שטיק צייט איז אַריבער, און דאַן איז מיר קלאָר געוואָרן אַז וואָס אַ מענטש טוט, טוט ער פאַר זיך אַליין.

איך האָב געמיינט אַז איך טו דאָ אַ 'טובה' פאַר דעם איד ר' חזקי' יוסף פאלמאן ע"ה, קודם לזכות רפואתו און שפּעטער לעילוי נשמתו. אָבער נאָכדעם האָט זיך מיר אַרויסגעשטעלט אַז איך האָב דאָ געטון די גרעסטע טובה פאַר מיר אליין!

גענוי ניין חדשים נאך דער קבלה טובה, האָב איך זוכה געווען צו מיין אייגענע ישועה, אויף וואָס איך האָב געוואַרט 10 לאַנגע יאָרן!

> ...כ'האָב געשפּירט אַז דאָס איז אַ דבר גדול, און איך גיי דאָס נישט אויפהערן; איך רעד נישט ביים דאַווענען!...

פאַר 10 יאָר האָב איך געוואַרט, געלאָפן צו דאָקטוירים, איבערגעדרייט אַ וועלט, אָבער געטאַפּט האָב איך אַ וואַנט. פונקטליך ניין חדשים נאָכן נעמען אויף זיך די קבלה טובה האָב איך ב"ה זוכה געווען צו האַלזן מיין בכור, מיין טייער לעכטיג יונגעלע, וואָס איך האָב זוכה געווען מכניס צו זיין לבריתו של אברהם אבינו, צו מיין און מיין משפּחה'ס אומבאַשרייבליכע שמחה.

10 יאָר וואַרטן, האָט זיך געענדיגט מיט איין פעסטע קבלה: 'שלא לדבר בשעת התפילה וקריאת התורה!'

זאָל אָט-דער קבלה, און די ישועה וואָס איז דורכדעם אַרויסגעקומען, בוודאי גערעכנט ווערן לעילוי נשמת דעם טייערן ר' חזקי' יוסף ע"ה בגנזי מרומים, און זאָל דאָס דינען אַלס התעוררות פאַר אידישע קינדער בכל קצוי תבל זיך צו פאַרשטאַרקן אין די הייליגע קבלה 'שלא לדבר בשעת התפילה'.

דאָס איז אַן אָפענע סגולה, בדוק ומנוסה, פאַר לעכטיגע ישועות!

## מַשְׁמִיעִים קוֹל

מגידים מפורסמים משמיעים קול בגודל כח התפלה וסגולתה

המשך פון עמוד ד'

מען דארף וויסן אז מען טאר קיינמאל נישט זיין צופרידן. ביי מילי דעלמא דארף מען זיין צופרידן. אבער ביי רוחניות'דיגע זאכן, ווען איינער איז א צופרידענער מענטש איז א חורבן. וויפיל מען לערנט, דארף מען האבן א תשוקה צו לערנען מער; ווי שיין ער דאווענט, דארף מען האבן א שאיפה צו דאווענען שענער, אז די 'שטיינער' פונעם דאווענען זאלן זיין נאך בעסער אויסגעשניצט.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז אונזערע תפילות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, מ'זאל זוכה זיין לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו, און פועל'ן פאר אידישע קינדער בני חיי ומזוני רויחי מיט סייעתא דשמיא, און יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט כל מילי דמיטב.

## עַל יְדֵי צַדֶּקֶת

רשפי אש וסיפורי קודש בעניני "עבודת התפלה" שראינו ושמענו אצל צדיקים הק' מדורות הקודמים בעלי ההילולא

המשך פון עמוד ה'

פון לעבן, זעט אויס אז ביים שפילן, האט אים איינער פון די קינדער א שטופ געגעבן, און ער איז אריינגעפאלן אינעווייניג.

די צעבראכענע מאמע האט גענומען דאס קינד, און איז שנעל געלאפן צום הייליגן צדיק הרה"ק ר' מרדכי'לע, און מיט א קול געשטיקט מיט טרערן האט זי אויסגעשריגן: 'רבי, ראטעוועט מיין קינד, רבי, ראטעוועט'.

דער צדיק איז דערציטערט געווארן, און האט געזאגט, קען איך דען מחיה מתים זיין? ווען די פרוי האט דאס געהערט, האט זי ווידער אויסגעבראכן אין א ביטערע געוויין, און האט אויסגעשריגן: 'רבי, די מעשה האט דאך פאסירט ביים רבינ'ס שמחה, קען דען זיין אז דעם רבינ'ס שמחה זאל ברענגען אויף מיר אזא ביטערע אומגליק'.

ווען די מענטשן ביי די חתונה זענען געוואויר געווארן פונעם שרעקליכן טראגעדיע, האט זיך די מוזיק אפגעשטעלט, און אנשטאט די פריערדיגע פרייליכע טענץ איז יעדער געווארן צעבראכן. דאס געוויין פון די אומגליקליכע מאמע האט אריינגעשניטן אין יעדעמ'ס הארץ, די ביטערע בשורה האט יעדן אויפגעשוידערט, די בילד ווי א מאמע האלט איר טויטע קינד, און וויל אים נישט אפלאזן האט יעדן צעשאקלט, דער ווייטאג איז געווען אומבאשרייבליך, און די שמחה האט זיך געטוישט צו קלאג און טרויער.

הרה"ק ר' מרדכי'לע איז געזעסן ביי די חתונה פארטיפט אין זיינע הייליגע געדאנקען, און פון זיינע ליפן האט מען געהערט ווי ער זאגט פאר זיך אליין, 'קען איך דען מחיה מתים זיין'.

ווען די היסטערישע מאמע האט געזען אז דערווייל האט זי נאך גארנישט אויפגעטון, איז זי געלאפן צום רבינ'ס הויז, און דארט אראפגעלייגט דעם טויטן קינד אויפן בעט, און איז צוריקגעלאפן צום צדיק און געזאגט, דער טויטער קינד ליגט יעצט ביים רבי'ן אין שטוב, איך קען נישט אהיימגיין ביז דער רבי וועט מאכן לעבעדיג מיין טייערן קינד, וויבאלד ס'האט פאסירט ביים רבינ'ס שמחה, בעט איך דעם רבי'ן ער זאל מיר העלפן.

אינמיטן די בהלה, האט זיך די כלה די יתומה אנגערופן, אז די מאמע איז גערעכט, און זי האט געזאגט פארן רבי'ן, אז וויבאלד די צרה האט פאסירט ווען דער רבי מאכט חתונה, וואלט געווען די ריכטיגע וועג אז דער רבי זאל צוריקגעבן דאס קינד לעבעדיג.

ווען הרה"ק ר' מרדכי'לע האט דאס געהערט, האט ער געפרעגט די כלה, פארוואס בעטסטו נישט דעם הייליגן באשעפער, הקב"ה איז דאך דער טאטע פון די יתומים, ער איז דאך דער מחותן ביי די חתונה, די צרה האט פאסירט ביים באשעפער'ס אייגענע שמחה, און ער האט דאך די מעגליכקייט לעבעדיג צו מאכן דאס קינד.

די כלה האט אזוי געטון, זי האט מתפלל געווען מיט א הארציגע געבעט צום הייליגן באשעפער, און געבעטן דעם אבי היתומים אז די שמחה פון זיין טאכטער זאל נישט ווערן איבערגעדרייט צו א א טרויער ח"ו, נאר ער זאל צוריק לעבעדיג מאכן דאס קינד.

ווי נאר די כלה האט געענדיגט דאווענען, האט דער צדיק געזאגט פאר זיין גבאי, ברענג מיר שנעל אהער די 'כלי הקודש' פון הרה"ק ר' מיכל'ע זלאטשוב'ער זי"ע. ווי באקאנט האט הרה"ק ר' מרדכי נעשכיזער באקומען פון זיין רבי הרה"ק רבי מיכל'ע זלאטשוב'ער זי"ע, א מתנה א פשוט'ע גלעזל, אין וועלכע מ'טרינקט טיי, און ער האט אים אויסגעלערנט געוואלדיגע הויכע ענינים, טיפע הימלישע סודות, און ר' מרדכי'לע פלעגט דאס אנרופן כלי הקודש, און ווען איינער האט זיך גענויטיגט אין א גרויסע ישועה פלעגט ער זיך באנוצן מיט דעם גלעזל. ער האט אנגעפילט דאס גלעזל מיט וואסער, און האט אינזין געהאט גרויסע כוונות וואס רבי מיכל'ע האט אים איבערגעגעבן, און אזוי האט ער אראפגעברענגט א ישועה.

ווען דער גבאי איז צוריקגעקומען מיטן גלעזל, איז דער צדיק גלייך אהיימגעגאנגען צו זיך אין שטוב וואו דאס קינד איז געווען. ער איז צוגעגאנגען צום בעט, איינגעטונקען דאס גלעזל אין די וואסער, זיך געוואשן מיטן גלעזל זיין הענט, און דערנאך האט ער אפגעוואשן דאס פנים פונעם קינד.

מיטאמאל האט דאס קינד געעפנט זיינע אויגן, זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטן, און געשריגן: 'מאמע מאמע'. דער צדיק איז צוגעגאנגען צום טיר וואו די מאמע האט געווארט, און געזאגט: 'איר קענט נעמען אייער קינד'. מיט גרויס פרייד האט די מאמע אנגעכאפט איר קינד, און געזאגט צום רבי'ן, איך האב געוואוסט אז איר קענט מחיה מתים זיין.

דער צדיק האט איר געזאגט, איך בין נאר א מענטש וועלכער קען נישט מחיה מתים זיין, דער אבי היתומים, דער טאטע פון די כלה, האט לעבעדיג געמאכט דאס קינד, מ'דארף נאר לויבן דעם הייליגן באשעפער, און זאלסט דערפרייען די כלה, די טאכטער פונעם הייליגן באשעפער, וועלכע האט גע'פועל'ט ביי איר טאטע אין הימל, ער זאל מחיה מתים זיין דאס קינד.

די מאמע האט געברענגט איר קינד צו די חתונה, און ס'איז נישט מעגליך זיך פארצושטעלן די שמחה וואס יעדער האט געהאט. אגאנצע נאכט האבן די מענטשן געטאנצן און זיך געפריידט, און געלויבט השי"ת אויף די געוואלדיגע חסדים וואס ער טוט שטענדיג.

## זֶה לָזֶה

מכתבים • הערות • והארות

### ס'האט זיך א דריי געגעבן!

**א גוטן.** קודם כל א גרויסן יישר כח פאר אייער גליון. איך באקום יעדע וואך עקסטערע חיזוק דערפון. יא, איך זאג עס איבער נאכאמאל. ממש יעדע וואך ווען איך האב נסיונות, העלפט דאס מיר ארויס זיך צו פארשטארקן!

יעצט וועל איך צוגיין צו מיין מעשה.

אפאר חדשים צוריק האב איך געדארפט א מורא'דיגע שטארקע ישועה. ס'איז נישט געאייגנט צו רעדן ברבים וואס דער נושא איז געווען. איך האב פרובירט דאס און יענס. ס'האט אויסגעזען אז ע"פ דרך הטבע איז שוין נישט שייך צו טוישן. האב איך געטראכט: 'אקעי, קען זיין אז ס'איז נישט באשערט...'

דאך, אזוויוי איך ליין יעדע וואך דעם גליון, האב איך געקלערט, אז אפשר איז ביי מיר אויך שייך די מעשיות ווי אידן ווערן געהאלפן... נו, לאמיר פרובירן זיך אונטערצונעמען נישט צו רעדן ביים דאווענען.

איך האב מקבל געווען די קבלה, אבער אנפאנג איז עס גארנישט געווארן בעסער. איך האב נישט געזען עפעס זאל זיך טוישן. איך האב אבער געווארט, געדולדיג.

צום סוף פון דער קבלה, וואס זאל איך אייך זאגן? האט זיך עס געגעבן א דריי פון איין מינוט אויפן צווייטן, עפעס מורא'דיג! אסאך

המשך אויף עמוד ח'

המשך פון עמוד ד' אסאך בעסער ווי גערעכנט אז ס'קען נאך זיין!

איך בין געווארן זייער איבערגענומען און איבערראַשט דערפון. זייט דעמאלס פרוביר איך מיט אלע כוחות נישט צו רעדן ביים דאווענען, און אין דעם זכות זאל מען זוכה זיין צו אלע גוטע השפעות טובות.

איך האב צוגעזאגט דאס מפרסם צו זיין, בעט איך ענק טאמער מ'קען עס אריינלייגן אינעם גליון, וועט עס זיין א שטארקע הנאה פאר מיר און א זכות.

א גרויסן גרויסן יישר כח, דער חיזוק וואס איר גיבט איז אין לשער!

דער אויבערשטער זאל העלפן איר זאלט אנגיין ווייטער ביתר שאת ועוז. א גרויסן יישר כח.

ש.ז. ק.

*

## קבלתי ונושעתי

**א** גוטן, לכבוד מערכת 'נקדישך'.

איך האב געמאכט א קבלה פאר פערציג טעג נישט צו רעדן ביים דאווענען און ביי קריאת התורה. נאכדעם האב איך צוגעלייגט, אז איך גיי נישט קוקן קיין גליונות און ספרים. אויך האב איך צוגעלייגט, אז אויב ס'וועט זיין א ישועה וועל איך עס מפרסם זיין.

די קבלה איז געווען פאר פערציג טעג, ס'האט זיך אנגעהויבן י"ב שבט תשפ"ה, מאנטאג פרשת יתרו.

פונקט עלף טעג שפעטער, כ"ג שבט פרייטאג פרשת משפטים, איז איינער פאר וועם איך האב געהאט די קבלה א חתן געווארן!

א גרויסן יישר כח, דער חיזוק איז מורא'דיג גרויס!

ש. ג. ק. - אנטווערפן יצ"ו

*

## במשנת הרה"ק מפיאסעצנא זצ"ל הי"ד

**שלום** וברכה כבוד המערכת החשובה.

אינעם מאמר 'משמיעים קולי' איז געווען זייער שיין אויסגעשמועסט פון איינער פון די חשוב'ע מגידים איבער וואס עס מיינט האבן אמת'דיגע כוונה ביים דאווענען.

איך וויל צולייגן א מורא'דיגע שטיקל פון **הרה"ק מפיאסעצנא זצ"ל הי"ד**, וואס ער שרייבט אין ספר 'חובת התלמידים', סוף ספר, אין מאמר ב' רעדט ער וועגן די אופן התפילה, זאגט ער דארט אזוי: **'כוונה קען האבן אסאך באדייטן, אבער ס'קען ליגן נאך א זאך אין 'כוונה', אז מ'זאל רעדן בלשון נוכח, ס'זאל זיין א שמועס מיטן הייליגן באשעפער!'** זיין לשון איז מורא'דיג, איך ברענג נאך לשון קדשו:

**'שלפעמים כשרוצה האיש להתפלל בהתעוררות הלב והנפש ולא יכול כי אטומים הם, ומתחיל להתפלל בקול, כמו שאיתא בספה"ק מזה, לא להגביה קולו בתפלתו לבד, רק כמי שרוצה לגול בחוזק את האבן ממקור לבו ונפשו, ומכוון את הדברים אשר הוא מדבר בתפלתו כמו שהם בעצם לא את פירושם בלבד. היינו כשאומר הודו לד' קראו בשמו לא פירוש כל מלה ותרגומה לבד הוא מכוון, רק כאילו עומד הוא עתה נגד כל העולם פנים מול פנים ובקול קורא הוא להם ומכריז הודו לד', האם ישנים אתם? קראו בשמו!'**

ער זאגט, אז דער אמת'ער וועג פון לויבן איז, אז נישט אייביג רעדט מען צום אויבערשטן, מ'רעדט צו די וועלט! ס'איז א מורא'דיגע נקודה, דאס ברענגט ארויס די כוונה אסאך שטערקער, דאס ברענגט ארויף די כוונה אויף אסאך א העכערע מדריגה, און דאס מאכט אז דער מענטש זאל האבן א שטארקע שטארקע כוונה.

איך מיין אז ס'איז א שטארקער יסוד וואס מ'דארף אמאל ארויסברענגען אין ענקער גליון, און ס'וואלט געווען א גרויסע זאך אז מענטשן זאלן ארויסהאבן דעם יסוד.

מ. מ. נ. - מאנסי יצ"ו

*

## דער דאקטער דערציילט

**אל** כבוד המערכת 'נקדישך' החשובה.

אין די אויסגאַבע 'שריפט' פון 'די וואך' פ' תרומה, איז געווען אן אינטערוויו מיט א היימישן דאקטער פון בארא פארק, ר' מיכל האיעם ני"ו, ובתוך הדברים פארציילט ער אן אינטערעסאנטער אנעקדאט, וואס איז כדאי מפרסם צו זיין דא אינעם גליון.

ס'איז ספעציעל אינטערעסאנט נאכצוברענגען, וויבאלד דאס זאגט א איד אליין, מיט זיין אייגענעם נאמען, א מקור מוסמך.

דער שרייבער פרעגט אים דארט: קומענדיג אין בארירונג מיט אזויפיל היימישע פאציענטן, צי האט ער אמאל בייגעוואוינט אן עפיזאד ווי א איד איז געהאלפן געווארן נאכן זיך אונטערנעמען א קבלה טובה'.

ענטפערט אים דער דאקטער: "יא, איך געדענק יעצט אויפן מאמענט איין אזא געשיכטע! איך האב אמאל געהאט ביי מיר א פאציענט, וואס מען האט ליידער געטראפן ביי אים די ביטערע מחלה רח"ל. ער האט זיך באלד אונטערגענומען נישט צו רעדן ביים דאווענען, און נאכדעם האט מען פשוט און פראסט נישט געפונען מער דאס געוויקס ביי אים!"

דאס איז נישט קיין מעשה איש מפי איש... נאר א פערזענליכע זאך וואס דער דאקטער האט אליין מיטגעלעבט ביי זיינ'ס א פאציענט.

ס'איז כדאי אפצודרוקן און מעורר זיין אידישע קינדער, מ'זאל זיך פארנעמען די הייליגע קבלה, און זוכה זיין צו ישועות ורפואות וכל משאלות הלב לטובה.

י. א. פ. וומסב"ג

*

היי יאר איז דא א לאנגע
שבת נאכמיטאג
זיך אנצוגרייטן וואס צו פארציילן פאר די קינדער
ב"ה ס'איז דא מיט וואס...
פאר האלסעיל רופט 845.641.9496




מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

מִי שֶׁבֵּרַךְ אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילּוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org